

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר"ר אהרן ווייסהויז הי"ו

# שאלות אויף פרשת וָאֵרָא

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** וארא.

**ב. וואס איז טייטש וארא ?** און איך האב זיך באוויזן.

**ג. ווער האט זיך באוויזן ?** דער אייבישטער.

**ד. צו וועמען ?** צו אונזערע עלטערן אברהם, יצחק, און יעקב.

**ה. און וואס האט דער אייבישטער זיי געזאגט ?** אז ער וועט געבן ארץ ישראל פאר זיינע קינדער.

**ו. פאר וועמען פארציילט עס דער אייבישטער ?** פאר משה רבינו.

**ז. וואס האט דער אייבישטער געהייסן פאר משה ?** אז ער זאל גיין צו פרעה און זאגן פאר פרעה אז ער זאל ארויס שיקן די אידן פון מצרים.

**ח. מיט וועמען זאל משה רבינו גיין ?** מיט זיין ברידער אהרן.

**ט. פרעה האט געוואלט ארויס שיקן די אידן ?** ניין.

**י. וואס האט דער אייבישטער געשיקט פאר פרעה ?** צען מכות.

**יא. וואס איז געווען די ערשטע מכה ?** דם, בלוט.

- מיר האבן דערציילט אז משה רבינו האט גענומען די שטעקן, און געזאגט פאר זיין ברידער אהרן, ער זאל מיט זיין שטעקן, געבן אַ קלאפ אויף די וואסער פון מצרים און אלע וואסערן פון מצרים וועלן ווערן מיט בלוט, און אהרן האט אזוי געמאכט, און אלע וואסער זענען געווארן מיט בלוט, און די פיש פון ים זענען געשטארבן, און די מצריים האבן נישט געהאט קיין וואסער צו טרינקען, ווייל אלעס איז געווען בלוט, נאר די אידן האבן געהאט וואסער צו טרינקען, אפילו אויב די איד מיט די מצרי האבן געטרינקען פון איין גלאז, האט די מצרי געטרינקען בלוט, און די איד וואסער, נאר אויב די מצרי האט געגעבן געלט, פאר די איד איז עס געבליבן געהעריגע וואסער.

**יב. וואס איז געווען די צווייטע מכה ?** צפרדע, פרעש.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר"ר אהרן ווייסהויז הי"ו

# המשך שאלות אויף פרשת וָאֵרָא

- מיר האבן דערציילט, אז משה רבינו האט געזאגט פאר זיין ברידער אהרן, ער זאל געבען אַ קלאפ אויף די וואסער, און עס וועט ארויס קומען אַ גרויסע צפרדע, אהרן האט אזוי געמאכט, און עס איז ארויס געקומען אַ גרויסע צפרדע, די מצרים האבן עס געזען האבן זיי עס געוואלט הארגענען, האבן זיי געקלאפט מיט שטעקענס, און וויפל זיי האבן געקלאפט איז ארויס נאך און נאך, ביז גאנץ מצרים איז געווארן פיל מיט צפרדע, די צפרדע זענען געקראכן איבראל אין בעט, אין די עסן, אפי׳ אין די אויוועגעס.

**יג. וואס איז געווען די דריטע מכה ?** כינים לייז.

**יד. וואס האבן די כינים געמאכט ?** אז די מצריים האבן זיך געקראצט אַ גאנצע צייט.

**טו. וואס איז געווען די פערדע מכה ?** ערוב, אַ פארמישונג פוןווילדע חיות.

**טז. וואס איז געווען ביי די מכה פון ערוב ?** אין מצרים איז געקומען פיל מיט ווילדע חיות לייבן שלענג א.א.וו. און וועמען פון די מצריים זיי האבן געטראפן און די גאס האבן זיי געביסן.

**יז. וואס איז געווען די פיפטע מכה ?** דבר, אַ מארד.

**יח. וואס איז דאס אַ מארד ?** אלע בהמות פון מצרים זענען געשטארבן.

**יט. וואס איז געווען די זעקסטע מכה ?** שחין, בלוטעלעך.

**כ. וואס איז געווען די זיבעטע מכה ?** ברד, האגל.

**כא. נאך די מכות האט שוין פרעה געוואלט ארויס שיקן די אידן ?** ניין ! וועגען דעם האט דער אייבישטער איהם געשיקט נאך מכות.

**כב. פאר די אידן איז אויך געווען מכות ?** ניין ! נאר פאר די מצרים.

*בברכת אַ גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער*

*המלמד*



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

**כיתה א׳** (כ)
הר"ר אהרן ווייסהויז הי"ו

# השבוע סיפרנו בנוסף להנ"ל
# מקרבן פסח

- ה׳ אמר למשה רבינו שיגיד לבנ"י שיקחו שה ויקשרו אותה למיטה, כדאי שיבדקו אם אין בו מום. ובערב פסח ישחטו השה ואת הדם יתנו על שתי המזוזות ועל המשקוף, ויאכלו את הבשר צלי אש בליל הסדר עם מצות ומרור, וכן עשו. ויהי בחצי הלילה הכה ה׳ כל בכורי מצרים, ובבוקר בעצם היום יצאו בני ישראל מארץ מצרים. היהודים הכינו להם בצק לעשות להם לחם לקחת איתם בדרך ולא הספיקו לאפות את הלחם כי גורשו ממצרים והניחו הבצק על שכמם ונאפו על ידי השמש ונעשו מצות. על כן לזכר אוכלים בכל שנה ושנה מצות בחג הפסח.







